איד וואס איז "אלופו של עולם" איז "אתם קרויין אדם"[78] "ע"ש אדמה לעליון"[79], און וויבאלד אז יעדער איד. דארף זאגן "בשבילי נברא העולם", דערפאר איז "נברא אדם יחידי"[80],

וואס דער אל"ף רבתי באווייזט אויף ספירת הכתר[81], ביז צו פנימיות הכתר - אז דער אל"ף זעירא פארבינדט זיך מיט די העכסטע מדריגות.

און עס קומט די גאולה האמיתית והשלימה - דורך דעם וואס יעדער איינער טוט כל התלוי בו נאך אין די לעצטע טעג פון גלות -

בעגלא דידן, ובמהרה בימינו ממש.

* * *

יב. פרשת ויקרא האט א קישור מיוחד מיט דעם ענין פון חינוך פון קינדער, וכידוע דער סיפור וואס רבותינו נשיאינו האבן דערציילט און כ"ק מו"ח אדמו"ר האט דאס געהייסן אפדרוקן[82], און די וואך איז דאס נאכאמאל אפגעדרוקט געווארן[83]:

איינער פון די ענינים אין דעם סדר ווי דער אלטער רבי האט אריינגעפירט זיין אייניקל, כ"ק אדמו"ר הצ"צ, אין חדר איז געווען - אז דער אלטער רבי האט געהייסן דעם מלמד ער זאל לערנען מיטן קינד די ערשטע פרשה פון ויקרא.

נאך דעם ווי דער מלמד האט אפגעלערנט די פרשה מיטן קינד, האט דער קינד געפרעגט בא דעם אלטן רבי'ן: פארוואס איז דער ווארט ויקרא מיט אן אל"ף זעירא?

דער אלטער רבי האט זיך פאר'דבק'ט א היפשע צייט, און נאך דעם האט ער אים געענטפערט אויף זיין שאלה, ווי עס ווערט דערציילט בפרטיות אין דעם סיפור.

וואס דאס איז אויך ע"ד האמור לעיל (ס"א) אז פריער דארף זיין די התעוררות פון דעם אב, און דערנאך איז דאס מעורר בא דעם קינד זיינע כחות און עס ווערט "והשיב לב אבות על בנים - ע"י בנים":

פריער איז געווען די התעוררות און דער חינוך פון דעם אלטן רבי'ן וואס ער האט געהייסן דעם מלמד לערנען מיטן קינד פרשת ויקרא;

- און -

---

78) יבמות סא, רע"א. 79) של"ה כ, ב. שא, ב. ובכ"מ. 80) סנהדרין שם. 81) לקו"ת ריש פרשתנו (א, סע"ב). ד"ה ויקרא חדע"ח (סה"מ חדע"ח ע' רלד ואילך), תש"ה (סה"מ תש"ה ע' 131). 82) סה"ש ה'ש"ת ע' 68. 83) בלקו"ש השבועי (פ' ויקרא).

און דערנאך האט דאס מעורר געווען בא דעם קינד די שאלה, וואס דאס האט ארויסגעבראכט אז דער אלטער רבי זאל זיך פאר׳דבק׳ן, ביז אז דאס האט געבראכט א המשכה מלמעלמ"ט פון א נייעם ענין אין תורה פון דעם אלטן רבי׳ן.

וואס אע"פ אז דאס רעדט זיך בנוגע צו דעם צ"צ, וואס "בוצין בוצין מקטפי׳ ידיע"[84] - איז אבער לפי ענינו פון דעם צ"צ איז דאס געווען די התחלה פון זיין ארייננגיין אין חדר ווען ער איז געווען דריי יאר אלט [חדר מיט אלע פירושים: ר"ת חסד דין רחמים[85]; מלשון הכתוב[86] "הביאני המלך חדריו"],

איז במילא פארשטאנדיק אז בא יעדן קינד איז שייך מעין זה לפי ענינו, ווען ער האלט בא די יארן וואס ער הויבט ערשט אן לערנען, וואס דעמולט הויבט מען מיט אים אן לערנען פ׳ ויקרא (כדלקמן סי"ד),

וואס התחלת הלימוד איז [ניט צו ה׳ און ו׳ שנה, ווי די גמרא זאגט אין כתובות[87], נאר] צו ג׳ שנים, ווי דער רמ"א[88] זאגט,

ובפרט אז מ׳האט דעם "מעשה רב"[89] פון דעם סיפור הנ"ל מיטן צ"צ, אז אזוי האט זיך געפירט דער אלטער רבי וואס ער איז א פוסק אין נגלה דתורה - ער האט געשריבן דעם שו"ע, און א פוסק אין פנימיות התורה - ער האט געשריבן דעם תניא, און מאמרי דא"ח,

ובפרט אז כ"ק מו"ח אדמו"ר האט געהייסן אפדרוקן דעם סיפור בסה"ש ה׳ש"ת ובכו"כ מקומות.

יג. אין דערויף איז דא א קלאץ קשיא, וואס מ׳געפינט ניט אז מלמדים און משכילים און אפילו עובדים זאלן זיך שטעלן אויף דעם:

מ׳שטורעמט וועגן דעם פרש"י אין ריש פ׳ בראשית אז "אמר ר׳ יצחק לא הי׳ צריך להחיל את התורה אלא מהחודש הזה לכם[90] כו׳, ומה טעם פתח בבראשית, משום כח מעשיו הגיד לעמו לתת להם נחלת גוים[91] כו׳".

וואס דערפון קומט אויס אז עס זיינען דא צוויי אופנים ווי צו אנהויבן תורה: אדער מיט "בראשית ברא אלקים", אדער מיט "החודש הזה לכם",

- וואס -

----

84) ברכות מח, רע"א. 85) לקו"ת פרשהנו ב, סע"ד. ובכ"מ. 86) שה"ש א, ד. 87) נ, א. וראה לקו"ש ויקרא-כ׳ מ"ח ש.ז. ס"ד ובהערות שם. 88) יו"ד סרמ"ה ס"ח. 89) ראה שבת כא, א. וש"נ. 90) בא יב, ב. 91) תהלים קיא, ו.

וואס וויבאלד אז דאס זיינען צוויי אופנים ווי צו אנהויבן די תורה - איז פארשטאנדיק אז דאס זיינען צוויי אופנים פון וואנעט מ'דארף אנהויבן לערנען תורה - ווארום די כוונה פון תורה איז ניט אז מ'זאל איר קושן, און אז זי זאל ליגן אין ארון קודש און מ'זאל אויף איר קוקן - נאר אז מ'זאל אין איר לערנען -

איז אויב עס זיינען דא נאר די צוויי אופנים פון וואנעט צו אנהויבן לערנען תורה - ווי זאגט מען אז ס'איז דא א דריטער אופן פון וואנעט צו אנהויבן לערנען תורה - פון פ' ויקרא, ווי דער אלטער רבי האט געהייסן טאן מיטן צ"צ, און ווי אלע טוען בפשטות?!

און עיקר השאלה איז - אז קיינער שטעלט זיך ניט אויף דעם, אפילו ניט דער מלמד וואס הויבט אן לערנען מיט דעם קינד פ' ויקרא.

וואס אע"פ אז אין מדרש שטייט א טעם פארוואס מ'הויבט אן לערנען פון פ' ויקרא (כדלקמן) - איז אבער דער מלמד ווייסט ניט דערפון, נאר ער הויבט אן לערנען בפשטות מיטן קינד פון פ' ויקרא, און עס הארט אים אינגאנצן ניט פארוואס מ'הויבט אן פון דארטן - אע"פ וואס לכאורה זיינען דא נאר די צוויי אופנים, אדער פון "בראשית ברא", אדער פון התחלת המצוות - "החודש הזה לכם"?!

מ'לערנט טאקע בײדע פסוקים, "בראשית ברא" און "החודש הזה לכם", מיט די אלע מדרשי חז"ל אויף זיי, ביז מיט אלע דרושי חסידות אויף זיי - אבער ווען עס קומט אז ער דארף אריינפירן זיין קינד אין חדר - זאגט ער בפשטות אז מ'זאל מיט אים אנהויבן לערנען פון פ' ויקרא?!

יד. דער טעם אין מדרש אויף דעם וואס מ'הויבט אן לערנען מיט תינוקות ניט פון פ' בראשית נאר פון פ' ויקרא, איז[92]: "שהתינוקות טהורין (ואינם יודעים מהו טעם חטא ועון[93]) והקרבנות טהורין יבואו טהורין ויתעסקו בטהורים".

דארף מען פארשטיין:

קרבנות זיינען פארבונדן נאר מיט דעם ענין פון תמימות און מיט דעם ענין פון זכרות[94] - מ'געפינט אבער ניט אז קרבנות זאלן זיין פארבונדן מיט דעם וואס זיי זיינען "טהורים",

- און -

---

92) ויק"ר פ"ז, ג (בסופו). וראה בהנסמן בלקו"ש ויקרא ש.ז. הע' 2. 93) תנחומא צו יד. 94) פרשתנו א, ג.

און אויב מ׳וואלט טאקע פארבונדן קרבנות מיט תמימות וואלט דאס ניט געווען קיין טעם אויף דעם וואס קטנים הויבן אן לערנען וועגן קרבנות, ווארום קטנים האבן קיין שייכות ניט מיט תמימות.

ואדרבה: קרבנות זיינען בכלל ניט שייך צו זיין טמאים, ווארום א קרבן מוז דאך זיין פון א בהמה אדער צאן, חי, און "חי אינו מקבל טומאה"[95].

איז וואס שטייט אין מדרש אז "הקרבנות טהורין" וואס דערפאר איז "יבואו טהורין ויתעסקו בטהורים"?

טו. דער ביאור אין דעם - ובהקדם: וואס מ׳האט פריער-דער-מאנט אז עס זיינען דא צוויי אופנים ווי צו אנהויבן די תורה, אדער פון "בראשית ברא", אדער פון "החודש הזה לכם".

וואס אזוי ווי אין אלע ענינים אין תורה איז אויך אין די צוויי ענינים יש בזה מה שאין בזה: ס׳איז דא א מעלה וואס איז דא אין "בראשית ברא" וואס איז ניטא אין "החודש הזה לכם", ועד"ז איז דא א מעלה אין "החודש הזה לכם" וואס איז ניטא אין "בראשית ברא".

און אע"פ אז יעדער ענין האט א מעלה לגבי דעם צווייטן - איז אבער וויבאלד אז תורה איז איין זאך, דארף יעדער ענין אין תורה מיט זיין מעלה אנקומען צו דעם צווייטן ענין, כלשון הידוע[96] "דברי תורה עניים במקומן ועשירים במקום אחר",

און דוקא אז מ׳האט אלע ענינים אין תורה, ביז צו דעם קלענסטן פרט - איז דאס א תורה שלימה.

און ווי דאס איז אין תושב"כ, אז אויב עס פעלט איין אות פון די ששים ריבוא אותיות אין תורה - פעלט אין דער שלימות פון דער גאנצער ס"ת[97].

ועד"ז אין תושבע"פ דארף מען האבן אמונה אז דער קלענסטער פרט אין תושבע"פ איז ניתן למשה מסיני[98] פונקט ווי דער עיקר (וואס ביי אים קומט אוים עיקר) פון גאנץ תושבע"פ,

און אויב עס פעלט אין דער אמונה אין איין פרט - איז דאס ניט אז אים פעלט אמונה אין איין זאך, נאר ער איז א כופר אין גאנץ תורה, ווי דער רמב"ם פסק׳נט[99].

וואס דער טעם אויף דערויף איז כנ"ל: יעדער ענין אין

- תורה -

---

95) רמב"ם הל׳ טומאת מת פ"א הי"ג-יד. 96) ירושלמי ר"ה פ"ג ה"ג. 97) ראה זח"ג עא, א. תקו"ז תכ"ה בתחלתו. 98) ראה בהנסמן בלקו"ש ח"ד ע׳ 1088 הע׳ 11. 99) הל׳ תשובה פ"ג ה"ח.

הנחת הת׳ בלתי מוגה

תורה איז משלים שאר כל התורה כולה, ביז אז דער "ב'" פון "בראשית" דארף אנקומען צו דעם "ל'" פון "ישראל" (איך סוף התורה); ביז אז די גאנצע תורה איז איין זאך "מבלי אשר לא ימצא האדם . . מראש ועד סוף"[100].

און דערפאר האט אין זיך יעדער ענין אין תורה א מעלה וואס איז ניטא אין שאר כל התורה, און לגבי די מעלה איז שאר כל התורה "עניים", וואס דאס איז דער פירוש אין "דברי תורה עניים במקומן ועשירים במקום אחר".

טז. ועד"ז איז פארשטאנדיק בנוגע צו "בראשית ברא" און "החודש הזה לכם" - אז יעדער איינער פון זיי האט א מעלה וואס איז ניטא אין דעם צווייטן, און יעדערער פון זיי דארף אנקומען צו דעם צווייטן.

וואס דערפאר געפינט מען אז ווען עס קומט דער זמן ווען מ'לייענט "בראשית ברא", וואס דעמולט איז דער "עביד עבידתי'"[101] און "מזלו גובר"[102] פון "בראשית ברא" - איז מען מסביר די מעלה וואס איז דא אין "בראשית ברא",

און ווען עס קומט דער זמן וואס דעמולט איז דער "עביד עבידתי'" און "מזלו גובר" פון "החודש הזה לכם" - איז מען מבאר די מעלה פון "החודש הזה לכם".

יז. די צוויי אופני ביאורים (די מעלה אין "בראשית ברא" און די מעלה פון "החודש הזה לכם") געפינט מען אין אוה"ת - בא אין דעם פירוש פון "לא הי' צריך להתחיל את התורה אלא מהחודש הזה לכם כו', ומה טעם פתח בבראשית, משום כח מעשיו הגיד לעמו לתת להם נחלת גוים כו'".

דער ערשטער ביאור[103]:

דער טעם וואס "פתח בבראשית" איז - דערפאר וואס פריער גיט מען די "מפתחות החיצוניים", "בראשית ברא", און ערשט דערנאך גיט מען די "מפתחות הפנימיים", "החודש הזה לכם":

פריער דארף זיין די התבוננות אין חיצוניות העולם, אין "בראשית ברא אלקים את השמים ואת הארץ", און דאס איז די הקדמה אז דערנאך זאל מען צוקומען צו דער התבוננות אין הנהגה נסית, ביז צו דעם ענין החידוש אין וועלט, "החודש הזה לכם".

וואס לפ"ז איז פארשטאנדיק אז די מעלה איז אין "החודש

- הזה -

----

100) קהלת ג, יא. 101) ראה זח"ג צד, ריש ע"ב. 102) ראה קה"ע לירושלמי ר"ה פ"ג ה"ח. 103) אוה"ת שם ע' רנו.

<u>הנחת הת' בלתי מוגה</u>

הזה לכם", און "בראשית ברא" איז נאר א הקדמה לזה.

יח. דער צווייטער ביאור[104]:

דער ענין פון "כח מעשיו הגיד לעמו לתת להם נחלת גוים" איז דער עני; פון עבודת התשובה, וואס אין תשובה זיינען דא צוויי דרגות:

ס'איז דא די נידעריקע דרגא אין תשובה, וואס זי איז אין אן אופן פון "לסטים אהם", אז ער האלט נאך ניט בא די דרגא פון תשובה פון "והרוח תשוב אל האלקים אשר נתנה"[105], ניט ווי "העולם טועים לומר" אז תשובה איז אויף עבירות, ווי דער אלטער רבי זאגט אין לקו"ת[106], נאר ער האלט בא דער דרגא פון "טעות העולם", "עולם" מלשון העלם והסתר[107] - די דרגא פון תשובה כפשוטה וואס איז אויף עבירות, ביז אז ער האט א שייכות מיט נאך נידעריקער פון ק"נ.

וואס די דרגא פון תשובה איז אין אן אופן אז ער האט געהערט אז "רע ומר עזבך את ה' אלקיך"[108], ובמילא אנטלויפט ער פון דעם רע, וואס דאס איז אפילו אויב די תשובה איז שלא לשמה - וויבאלד אבער אז דאס איז רע, אנטלויפט ער פון דעם.

ווי כ"ק מו"ח אדמו"ר איז מבאר אין זיינע מאמרים[109] אז ווען עס קומט צו "סור מרע" - מאכט מען ניט קיינע חשבונות און אבי אנטלויפן פון דעם רע, באיזה אופן שיהי',

ובדוגמא ווי ביי א שריפה, אז מ'קוקט ניט אויף קיינע זאכן - אבי אנטלאפן פון דער שריפה.

ועד"ז געפינט מען אין הלכה:

במקומות בלתי נקיים טאר מען ניט לערנען תורה[110], ביז אז אזוי איז מען מחנך אפילו א קטן שבקטנים;

ווען עס קומט אבער צו אן ענין פון "לאפרושי מאיסורא" איז דער דין[111] אז מ'מעג דאס באווארענען אויך אין א מקום בלתי נקי,

ואדרבה: כ'כוז דאס באווארענען אויך אין אזא מקום,

- ווארום -

----

104) ראה אוה"ת שם ע' רסב. וראה ד"ה החודש הזה דש"פ ויק"פ, פ' החודש ש.ז. 105) קהלת יב, ז. 106) ד"ה ס, ד. וראה גם לקו"ת בלק עד, א. ראה כד, ד. ש"ש סו, ג. לקו"ת ר"פ האזינו. 107) לקו"ה שלח לז, ד. ובכ"מ. 108) ל' הכהוב - ירמי' ב. יט. 109) ד"ה כימי צאתך תש"ח פי"ג (סה"מ תש"ה ע' 167). ובכ"מ. 110) שבת מ, ב. שו"ע (ואדה"ז) או"ח ספ"ה ס"ב (כ"א). 111) שבה שם. שו"ע שם (כ"ד).

ווארום וויבאלד אז דאס איז "לאפרושי מאיסורא" - מאכט מען ניט קיינע חשבונות אין וואס פאר אן ארט מ'געפינט זיך, ביז אז אפילו אויב מ'געפינט זיך אין אן ארט וואס האט קיין שייכות ניט מיט תורה, און דאס איז ברשותו פון דעם צד ההפכי - איז "לאפרושי מאיסורא" דארף מען דאס דארטן אויך באווארענען.

ועד"ז בעניננו:

וויבאלד אז ער געפינט זיך אין א מעמד ומצב פון רע - מאכט ער ניט קיינע חשבונות און ער אנטלויפט פון דעם.

וואס דאס איז די נידעריקע דרגא אין תשובה, וואס זי איז אין אן אופן פון גזילה - ווארום "עשה האלקים את האדם ישר"[112], און דורך דעם וואס ער האט עובר געווען אויף אן עבירה און דערנאך סוט ער תשובה - גזל'ט ער אוועק א זאך וואס דער אויבערשטער האט אריינגעלייגט אין רשות הקליפות.

יט. דערנאך זאגט מען אבער אז "כח מעשיו הגיד לעמו לתת להם נחלה גוים":

דער פנימיות הכוונה פון דעם וואס אידן נעמען צו "נחלת גוים", איז - דערפאר וואס "כח מעשיו הגיד לעמו": די פשטות און עצמיות פון אידן איז איין זאך מיט די פשטות ועצמיות שלמעלה, ווי די רשימה הידועה ד"ה "אתם נצבים היום כולכם"[113], אז די פשטות פון אן איש פשוט פארבינדט זיך מיט דער פשטות פון עצמות ומהות.

און מצד דער דרגא דערגרייכט מען טיפער ווי דער ענין פון "החודש הזה לכם", ווארום "החודש הזה לכם" איז די דרגא פון לפני הצמצום, און "כח מעשיו הגיד לעמו" איז העכער פאר דעם צמצום און העכער פאר למעלה מן הצמצום - דאס דערגרייכט אין עצמות ומהות ממש.

וואס דאס איז די העכערע דרגא אין תשובה, די תשובה פון "גהרוח תשוב אל האלקים אשר נתנה", אז ער ווערט איין זאך מיטן אויבערשטן, און ער ווערט א בעל הבית אויף תשובה, ווי דער אלטער רבי טייטשט אפ[114] "בעל תשובה" (אין דער העכערער דרגא פון תשובה).

כ. וואס לפי ביאור זה קומט אויס אז "בראשית ברא אלקים" איז העכער פאר "החודש הזה לכם".

- משא"כ -

----

112) קהלת ז, כט. 113) תש"ז - נדפסה בסה"מ תש"ז ע' 256 ואילך. וראה גם לקו"ד כרך ג תצא, ב. 114) לקו"ת בלק עה, א.

משא"כ לויטן ערשטן ביאור גייט מען אין דעם סדר ווי עבודת האדם און לימוד התורה דארף זיין מלמטלמ"ע - וואס דערפאר קומט פריער "בראשית ברא אלקים" און ערשט דערנאך די העכערע דרגא פון "החודש הזה לכם", כנ"ל (סי"ז).

אבער וויבאלד אז תורה איז בעיקר ענינה מלמעלמ"ט, כמ"ש[115] "כי מן השמים דברתי עמכם" - דערפאר דארף אין תורה גופא אויך זיין דער צווייטער אופן, מלמעלמ"ט - אז דאס וואס "בראשית ברא" קומט פאר "החודש הזה לכם" איז דערפאר וואס "בראשית ברא" איז א העכערע דרגא ווי "החודש הזה לכם",

וואס דאס איז דער ענין פון "כח מעשיו הגיד לעמו" - די דרגא אין תשובה וואס פארבינדט אידן מיט דעם עצם שלמעלה, וואס דאס איז העכער פאר דעם גאנצן ענין פון "החודש הזה לכם", כנ"ל.

און דערפאר פועל'ט די תשובה אז אויך ווי אידן געפינען זיך למטה אין עוה"ז הגשמי זאל זיין "להת להם נחלת גוים", וואס דאס איז נאך נידעריקער פון ק"נ.

די איינציקע זאך איז - אז וויבאלד דער איד געפינט זיך אין עוה"ז הגשמי, דערפאר הויבט ער ניט אן גלייך פון דער העכסטער דרגא אין תשובה, נאר פריער איז ביי אים דא הרהור תשובה, וואס מאכט אים פאר א "צדיק גמור"[116], און דער-נאך וויבאלד אז ער איז א צדיק, איז דאך די שלימות פון א צדיק דער "לאתבא צדיקייא בתיובתא", דארף ער אויך האבן דעם ענין התשובה -

וואס דערפאר הויבט ער אן פון דעם ענין התשובה מיראה, און דערפון קומט ער צו תשובה מאהבה, ביז אז ער קומט צו תשובה מאהבה בשלימותה, ביז צו דער תשובה פון "והרוח תשוב אל האלקים אשר נתנה",

וואס די דרגא אין תשובה פארבינדט אים מיט "כח מעשיו הגיד לעמו", וואס איז העכער פאר "החודש הזה לכם", ובאותיות הקבלה: "החודש הזה לכם" איז די המשכה פון לפני הצמצום און "כח מעשיו הגיד לעמו" איז די דרגא וואס איז העכער פאר צמצום און העכער פאר לפני הצמצום, ביז אז עס ווערט נתגלה עצמות ומהות (אויף וויפל ס'איז שייך זאגן גילוי אין עצמות ומהות).

וואס דערנאך אין עבודת האדם דריקט זיך אויס דער גילוי פון עצמות ומהות אין דעם וואס א איד איז מקיים

- מצווה -

----

115) יתרו כ, יט. 116) קידושין מט, ב. וראה לקו"ת דברים א, ב.

הנחה הת' בלתי מוגה

מצוות, וואס דורך מצוות, מצוה מלשון צוותא והיבור[116]. ווערט דער איד פארבונדן מיט עצמו ומהות, ד.ה. אז בשעת א איד איז מקיים א מצוה איז דעמולט דא ער מיט דער מצוה מיט עצמו ומהות.

און בכדי אז א איד זאל מקיים זיין מצוות - דארף זיין דער "בראשית ברא אלקים את השמים ואת הארץ", און "את השמים לרבות תולדותיהם ואת הארץ לרבות תולדותי'"[118].

כא. די צוויי ביאורים הנ"ל, דער ביאור אז די מעלה איז אין "החודש הזה לכם", און "בראשית ברא אלקים", איז נאר א הקדמה צו "החודש הזה לכם", און דער ביאור אז די מעלה איז אין "בראשית ברא", וואס איז העכער פאר "החודש הזה לכם" - זיינען תלוי אין וועלכן זמן מ'רעדט:

ווען עס קומט דער זמן פון חודש ניסן, און פ' החודש, וואס דעמולט לייענט מען "החודש הזה לכם" - איז מען מדגיש די מעלה פון "החודש הזה לכם", און אז "בראשית ברא" איז נאר א הקדמה לזה;

משא"כ ווען עס קומט דער זמן ווען מ'לייענט פ' בראשית, און בכללות דער זמן פאר מ"ת - איז מען מדגיש די מעלה פון "בראשית ברא", וואס דאס איז די מעלה פון "כח מעשיו הגיד לעמו", ווי אידן זיינען העכער פאר דעם גאנצן ענין פון "החודש הזה לכם".

און אע"פ וואס פ' בראשית, און בכללות דער זמן פאר מ"ת, איז ניט פארבונדן מיט תורה - ווערט אבער דאס גופא נתגלה דורך תורה, בדוגמא ווי גערעדט פריער (ס"א) בנוגע צו תשובה און תורה.

כב. ע"פ המבואר לעיל אז "כח מעשיו הגיד לעמו" איז העכער פאר דעם גאנצן ענין פון "החודש הזה לכם", ווארום דאס איז דער פארבונד פון אידן מיט עצמות ומהות, ועד"ז איז בכללות אין דעם זמן פאר מ"ת נאך איידער תומ"צ זיינען געגעבן געווארן - וועט מען פארשטיין דעם מדרש הנ"ל (סי"ד) פארוואס מ'הויבט אן לערנען מיט תינוקות פ' ויקרא, "שהתינוקות טהורין והקרבנות טהורין יבואו טהורין ויתעסקו בטהורים":

קטנים זיינען בדוגמא ווי לפני מ"ת, וואס אזוי ווי פאר מ"ת איז דא די מעלה ווי מ'איז פארבונדן מיט עצמות

- ומהות -

---

117) לקו"ת בחוקותי מה, ג. ובכ"מ. 118) פרש"י עה"פ בראשית א, יד.

הנחה הת' בלתי מוגה

ומהות וואס איז העכער פאר אלע ענינים פון "החודש הזה לכם", וואס דאס איז בכללות דער ענין פון חומ"צ - עד"ז זיינען קטנים "טהורין", העכער פאר טומאה און טהרה (כדלקמן סכ"ד).

ועד"ז דאס וואס קרבנות זיינען "טהורין", אע"פ וואס קרבנות האבן לכאורה קיין שייכות ניט מיט טהרה, ווי געפרעגט פריער (סי"ד) - איז דאס אויך פארבונדן מיט קרבנות ווי זיי זיינען פאר מ"ת און דערפאר הייסן זיי "טהורין". והביאור בזה:

דער איינציקער ארט אין הושב"כ וואו מ׳געפינט אז קרבנות זאלן זיין פארבונדן מיט דעם ענין הטהרה, איז - אין דעם זמן פון "כח מעשיו הגיד לעמו", פאר מ"ה, אין ההחלת ספר בראשית - אין פ׳ נח:

נאך דעם מבול שטייט[119] "ויבן נח מזבח לה׳ ויקח מכל הבהמה <u>הטהורה</u> ומכל העוף <u>הטהור</u> ויעל עולות במזבח", וואס דערפאר ווען נח איז אריין אין תיבה האט אים דער אויבערשטער אנגעזאגט[120] אז "מכל הבהמה הטהורה תקח לך שבעה שבעה"[121] (משא"כ "מן הבהמה אשר לא טהורה היא" נאר "שנים").

וואס וויבאלד אז דא ווערט דערמאנט נאר דער ענין <u>הטהרה</u> און ניט דער ענין התמימות און זכרות וואס זיינען פארבונדן מיט קרבנות - איז פארשטאנדיק, אז פאר מ"ת איז ניט געווען נוגע דער ענין פון תמימות און זכרות אין א קרבן, נאר ס׳איז נוגע מערניט ווי דער ענין הטהרה,

ביז אז נח האט מקריב געווען פון <u>אלע</u> בהמות טהורות און אלע עופות טהורים.

משא"כ נאך מ"ת איז נתחדש געווארן דער ענין אז א קרבן דארף זיין א תמים און א זכר (און ניט פארבונדן מיט דעם ענין הטהרה), און אויך די הגבלה אז מ׳קען מקריב זיין נאר "מן הבהמה מן הבקר ומן הצאן"[122], און פון עוף - "מן התורים או מן בני היונה"[123].

וואס אע"פ אז פאר מ"ה איז אויך ניט געווען דער גאנצער ענין פון טומאה וטהרה[124] - זעט מען אבער אז די קרבנות וואס נח האט געבראכט ווערן אנגערופן (נאר) בשם טהורות, וואס דאס איז ע"ש זה וואס "העתידה להיות טהורה לישראל"[125] (נאך מ"ת), משא"כ בנוגע צו אנדערע ענינים וואס

- ווען -

----

119) נח ה, כ. 120) שם ז, ב. 121) פרש"י עה"פ שם. וראה גם ב"ר פכ"ו, א. פל"ד, ט. פרש"י עה"פ שם ח, כ. 122) פרשתנו א, ב. 123) שם, יד. 124) ראה לקו"ש שלח השל"ו הע׳ 33, 35. 125) פרש"י עה"פ נח ז, ב.

<u>הנחה בלתי מוגה</u>

וועלן זיין נאך מ"ח אין א קרבן (המימות און זכרות) ווערט דארט ניט דערמאנט,

וואס דערפון איז פארשטאנדיק אז פאר מ"ח איז טאקע דער עניין פון טומאה וטהרה בכלל ניט געווען, אבער בנוגע צו די קרבנות פון נח'ן איז געווען נוגע צו האבן "מכל הבהמה הטהורה" וואס "העתידה להיות טהורה לישראל", משא"כ בהמות ועופות טמאות (ד.ה. וואס וועלן שפעטער זיין טמא) האט נח ניט מקריב געווען.

[בא יעקב'ן געפינט מען[126] אז ער האט אויך געשיקט קרבנות פון גמלים און נאך בהמות טמאות [אין פשש"כ זיינען די מתנות וואס יעקב האט געשיקט ניט געווען צוליב קרבנות, אבער ע"פ חסידות איז דאס געווען צוליב קרבנות] - ווי עס ווערט נתבאר דער טעם לזה אין די דרושי חסידות[127];

משא"כ אבער בנוגע צו נח זיינען די קרבנות געווען נאר פון בהמות טהורות].

כג. דערמיט איז פארשטאנדיק פארוואס אין מדרש שטייט "והקרבנות טהורין", ווארום דא רעדט מען וועגן קרבנות וואס זיינען פארבונדן מיט לפני מ"ה.

והביאור וואס איז דא נוגע ווי קרבנות זיינען לפני מ"ח - וועט מען פארשטיין דערמיט וואס לכאורה איז ניט פאר-שטאנדיק וואס דער מדרש זאגט אז "התינוקות טהורין": פונקט ווי א גדול וואס איז נוגע אין א דבר טמא ווערט טמא, עד"ז איז א קטן וואס איז נוגע אין א דבר טמא ווערט טמא - איז וואס הייסט אז "התינוקות טהורין"?!

וואס אע"פ אז אין מדרש[128] טייטשט ער אז דער פירוש אין דעם וואס "התינוקות טהורין" איז - אז "אינם יודעים מהו טעם חטא ועון" - איז אבער הא גופא צריך ביאור, פארוואס איז דא נוגע דער עניין הטהרה פון חטא ועון, און ניט טהרה כפשוטו, וואס כנ"ל איז טומאה שייך אויך ביי א קטן?

כד. איז דער ביאור אין דעם:

א קטן איז בדוגמא ווי דער זמן פאר מ"ח, ווארום אזוי ווי אין זמן איז פאר מ"ח געווען איידער אידן האבן באקומען תומ"צ - עד"ז איז א קטן נאך ניט קיין מחוייב אין לימוד התורה און אין קיום המצוות[129] [אע"פ וואס "תורה צוה לנו

- משה -

---

126) וישלח לב, יד. 127) תו"א וישלח כה, סע"ד ואילך. 128) תנחומא שבהע' 93. 129) ראה הל' ת"ת לאדה"ז רפ"א. וש"נ.

הנחה הת' בלתי מוגה

משה מורשה קהלת יעקב"[130] איז געזאגט געווארן אויך בנוגע צו קטנים[131].

און ע"ד ווי פאר מ"ת איז ניט געווען שייך דער ענין פון טומאה וטהרה (כנ"ל), ווארום איך אן ארט וואו ס'איז ניטא דער ענין פון קדושה וטהרה, וואס איז געווארן נאך מ"ת, איז אויך ניט שייך צו זאגן דער ענין פון טומאה -

עד"ז איז ביי א קטן (וואס איז בדוגמא ווי פאר מ"ת), אז דערפאר וואס ער האט נאך ניט די קדושה וטהרה וואס חומ"צ טוען אויף - איז ביי אים אויך ניט שייכות דער ענין פון טומאה.

ובדוגמא ווי דאס איז בנוגע צו אוה"ע, אז וויבאלד בא זיי איז ניט שייך דער ענין הטהרה - דערפאר איז בא זיי ניט שייך דער ענין הטומאה[132], און ווי עס שטייט[133] "רק אתכם ידעתי מכל משפחות האדמה על כן אפקוד עליכם את כל עונותיכם", ווי עס ווערט נתבאר אין די רשימות און תשובות פון דעם צ"צ[134].

וואס אע"פ אז מדרבנן איז דא דער ענין הטומאה אויך ביי אוה"ע[135] - איז דאס אבער ניט בדומה צו דעם ענין הטומאה מיט די אלע חומרות ווי דאס איז בא אידן.

ס'איז אבער דא א נפק"מ עיקרית צווישן ווי שלילת ענין הטהרה איז ביי אוה"ע, ביז ווי דאס איז בא קטנים:

אוה"ע זיינען בכלל ניט בגדר טומאה וטהרה; משא"כ בנוגע קטנים וואס זיי זיינען אידן - וועלן זיי דאך שפעטער ווערן גדולים וואס זיינען מחוייב אין חומ"צ, במילא וועט בא זיי אויך זיין שייך דער ענין הטהרה.

כה. וואס עפ"ז איז פארשטאנדיק די מעלה פון קטנים לגבי גדולים:

אע"פ וואס א קטן וועט זיין שייך צו דעם ענין פון טומאה וטהרה ווען ער וועט ווערן א גדול - איז אבער כל זמן ער איז א קטן האט ער די מעלה פון "הבל שאין בו חטא"[136] (ובלשון המדרש "אינם יודעים מהו טעם חטא ועון"), ד.ה. אז ער איז <u>בעצם</u> א טהור, ער דארף דערצו ניט אנקומען דורך עבודתו.

- משא"כ -

----

130) ברכה לג, ד. 131) ראה סוכה מב, א. הל' ת"ת לאדה"ז שם. 132) נזיר סא, ב. רמב"ם הל' טומאת מת פ"א הי"ג. 133) עמוס ג, ב. 134) אוה"ת נ"ך ע' מד ואילך. כרך ב ע' א'סב. 135) ראה נדה לד, א. רמב"ם שם ריש הי"ד. 136) שבת קיט, סע"ב.

משא"כ גדולים אפילו די וואס זיינען צדיקים גדולים, איז אפילו אויב בא זיי איז אויך דא דער ענין הטהרה - איז דאס אבער געקומען דורך עבודתם.

ביז אז אפילו אביי האט געזאגט צו רב פפא אז זיין הבל קומט ניט צו דעם "הבל חשב"ר" וואס "אין בו חטא".

כו. דערמיט איז פארשטאנדיק דער מדרש "מפני מה מתחילין להינוקות בתו"כ (ויקרא) . . שהתינוקות טהורין והקרבנות טהורין, יבואו טהורין ויתעסקו בטהורים":

וויבאלד אז דוקא קטנים האבן די מעלה פון "הבל שאין בו חטא", ד.ה. אז זיי זיינען בעצם "טהורין", וואס דאס איז בדוגמא ווי דער מעמד ומצב ווי די וועלט איז געווען פאר מ"ת, וואס דעמולט איז געווען די מעלה פון "כח מעשיו הגיד לעמו" - אז מ׳שטייט העכער פאר אלע ענינים פון תומ"צ, און העכער פאר דעם ענין פון טומאה וטהרה -

איז דערפאר, בשעת מ׳דארף זיך עוסק זיין אין קרבנות, וואס זיי זיינען "טהורים", ווארום זיי זיינען די קרבנות וואס זיינען פארבונדן אויך מיט א מעמד ומצב פון פאר מ"ת, וואס דאס איז דער לימוד פון פ׳ ויקרא -

איז "יבואו טהורין", די קטנים, "ויתעסקו בטהורים" דורך לערנען וועגן די קרבנות אין פ׳ ויקרא, וואס דעמולט ווערט דער קטן נאך העכער בטהרתו.

און דורך דעריף ווערט אויפגעטאן דער "וירח ה׳ את ריח הניחוח גו׳"[137], דער בדית וואס דער אויבערשטער האט געמאכט מיט נח׳ן - אז עס ווערט דער קיום העולם[138], כולל אויך דער עולם אין דעם זמן לאחרי מ"ת, ביז צו ביאת משיח צדקנו.

כז. ע"פ המבואר לעיל וועט מען אויך פארשטיין פארוואס דער לימוד אנהויבנדיק פון פ׳ ויקרא איז במיוחד פארבונדן מיט א קטן גלייך בהתחלת הלימוד, ווי דאס איז געווען אין דעם סיפור פון דעם אלטן רבי׳ן מיטן צמח צדק:

וויבאלד אז דער טעם פארוואס א קטן הויבט אן לערנען פון פ׳ ויקרא איז - דערפאר וואס ער איז בדוגמת דעם מעמד ומצב העולם פאר מ"ת - איז פארשטאנדיק, אז א קטן וואס איז בן ה׳ און בן ו׳, וואס ביי אים איז שוין דא דער חיוב פון - לימוד -

----

137) נח ח, כא. 138) ראה אוה"ת חשא ע׳ ב׳ז ואילך. ד"ה הנה אנכי כורת ברית תרנ"ד. המשך תער"ב ח"א פרק רא (ע׳ תד ואילך).

לימוד התורה בהבנה והשגה (וואס דער חיוב איז אדער על אביו, אדער אויך אויף אים אליין[139]), איז מערער פארבונדן מיט מ"ח, וואס דערפאר איז ביי אים ניט אויף אזוי פיל מודגש דער לימוד אין "טהורין" (ויקרא);

משא"כ א קטן וואס איז אינגער פאר ה' שנים, וואס ביי אים איז ניט שייך לימוד התורה בהבנה והשגה - איז פארשטאנדיק אז ער איז מערער בדומה צו דעם מעמד ומצב פאר מ"ח,

דערפאר איז ביי אים מערער מודגש דער ענין פון "טהורין", ובמילא ווען מ'הויבט אים אן מחנך זיין, און מ'פירט אים אריין אין חדר

[וואס אויך ביי א בן ג' איז דא אן ענין פון חינוך און לימוד התורה, ווי דער רמ"א[88] זאגט: "מיד שיהי' בן ג' שנים שליכות מלמדין אותו אותיות התורה כדי שירגיל עצמו לקרוה בתורה",

וואס אין ביאור הגר"א[140] שרייבט ער אויף דעם: "איני מבין שיחתו (וואס דאס איז א מאדנער לשון, אבער עכ"פ אזוי שרייבט דער גר"א) דהא מיד שמתחיל לדבר חייב",

און דערנאך ברענגט ער דעם מקום אויף דערויף אז מ'דארף אנהויבן פון ג' שנים, פון מדרש תנחומא[141] אז דאס וואס שטייט[142] "וערלתם ערלתו את פריו שלש שנים יהי' לכם ערלים", איז "הכתוב מדבר בתינוק שלש שנים יהי' לכם ערלים, שאינו יכול לא להשית ולא לדבר, ובשנה הרביעית יהי' כל פריו קודש[143], שאביו מקדישו לתורה".

ועד"ז שרייבט דער צ"צ אין פס"ד שלו[144] מיוסד אויף דעם וואס דער רמב"ם[145] שרייבט - אז "מי שלא למדו אביו חייב ללמד את עצמו כשיגדיל", וואורום "שמא גם על הקטן יש חיוב (ת"ת) מדאורייתא"] -

איז "יתעסקו בטהורים", מ'הויבט מיט אים אן לערנען חומש ויקרא.

כה. מעין זה איז אויך שייך בא גדולים בשנים:

בכל יום איז די עבודה פון א אידן פריער אין ביהכ"נ, און פון ביהכ"נ גייט ער אין ביהמ"ד[146], און דערנאך גייט ער

- ארויס -

----

139) ראה הל' ה"ת לאדה"ז שם. רפ"ב. וש"נ. 140) יו"ד שם סקי"ט. 141) קדושים יד. 142) קדושים יט, כג. 143) שם, כד. 144) חידושים על הרמב"ם בהחלהן (ע' שלט). 145) הל' ה"ת פ"א ה"ג. 146) ברכות בסופה. וראה שו"ע אדה"ז או"ח כקנ"ה ס"א. וש"נ.

ארויס אין וועלט צו טאן די עבודה פון "הנהג בהן מנהג דרך ארץ"[147].

וואס לאחר סיום העבודה פון איין טאג איז ביז ער הויבט אן עבודתו אין דעם נייעם טאג לאח"ז - איז דאס בדוגמא ווי דער זמן פון פאר מ"ת, פאר דעם וואס ער איז מקבל אויף זיך לימוד התורה און קיום המצוות פון דעם נייעם טאג -

קומט דאך אוים אז אויך בא גדולים איז דא דער ענין פון לפני מ"ה בעבודתם, ובמילא איז אויך בא זיי שייך מעין פון דעם ענין פון "יבואו טהורין ויתעסקו בטהורים".

כט. אבער בעיקר איז דאס פארבונדן מיט קטנים, כנ"ל בארוכה, ווארום בא זיי איז שייך דער אמיתית הענין פון "טהורין" וואס איז למעלה פון אלע ענינים פון הומ"צ.

וואס דער טעם אויף דערויף איז פארשטאנדיק פון דעם וואס ער זאגט אין הניא[148] אז "הבן נמשך ממוח האב", וואס דערפאר איז בא דעם אב ניט נוגע אין וועלכע דרגא דער בן האלט, נאר וויבאלד אז ער איז פנימיות ועצמיות האב - איז ער אלעמאל פארבונדן מיטן אב.

ביז אז מ'זאגט אז "כי נער ישראל ואוהבהו"[149] - די אהבה פון דעם אב צו דעם נער איז ניט פארבונדן מיט דעם צי דער נער האלט בא תומ"צ אדער ניט. נאר די אהבה איז דערפאר וואס "נער ישראל"[150].

און דאס איז פארבונדן מיט דעם וואס דוקא בא קטנים איז דא דער ענין פון "הבל שאין בו חטא", און זיי זיינען אין די דרגא פון "טהורין" וואס זיינען זיך מתעסק "בטהורים" מיט לערנען חומש ויקרא,

אנהויבנדיק פון "אדם כי יקריב מכם"[151], ווי דער אלטער רבי טייטשט אפ[152], אז ער איז זיך אליין מקריב צו דעם אויבערשטן.

וואס אין פשוט'ע אותיות פאר קינדער איז דאס - אז דער קינד איז מקריב פון זמנו און מרצו און ממונו [וואס אויך בא קינדער איז שייך דער ענין פון קונה זיין און מקנה זיין] -

---

147) ברכות לה, ב. 148) רפ"ב. 149) הושע יא, א. 150) ראה בארוכה ד"ה כי נער ישראל תרס"ו (המשך תרס"ו ע' תקנ ואילך). 151) פרשתנו א, ב. 152) לקו"ת פרשתנו ד"ה אדם כי יקריב מכם (ב, ב ואילך). וראה גם קונטרס לימוד החסידות ריש ע' 20.

הנחה הת' בלתי מוגה

זייך[153] פאר ענינים פון תומ"צ, און אויף ארויסהעלפן א צווייטן אידן וכו'.

ל. דער ענין וואס מ'הויבט אן לערנען מיט קינדער חומש ויקרא, "יבואו טהורין ויתעסקו בטהורים" איז אויך פארבונדן מיט דעם אל"ף זעירא וואס איז דא אין דעם ווארט ויקרא,

ווי דאס איז געווען אין דעם סיפור מיטן צ"צ, אז דער אנהויבן לערנען חומש ויקרא האט ארויסגעבראכט די שאלה פון דעם צ"צ פארוואס איז דער אל"ף פון ויקרא אן אל"ף זעירא:

מ'האט גערעדט פריער (סי"א) אז דער אל"ף זעירא וואס פארבינדט זיך מיט דעם אל"ף רבתי פון אדם אין דברי הימים איז כנגד אלע אידן, ווארום דוקא אידן ווערן אנגערופן על שם אדם הראשון, "אתם קרויין אדם", ביז אז צוליב דעם וואס יעדער איד איז מחוייב צו זאגן "בשבילי נברא העולם" איז נשתנה געווארן בריאת אדם הראשון ("לפיכך נברא אדם יחידי").

וואס אע"פ אז אויך אוה"ע שטאמען פון אדה"ר - איז דאך אבער ידוע וואס עס שטייט אין כתבי האריז"ל[154], ווי גערעדט כמ"פ, אז לולא חטא עה"ד וואלט די גאנצע מציאות פון אוה"ע ניט ארויס פון אדה"ר, ווארום באמיהית הענינים זיינען נאר אידן נקראים על שם אדה"ר, "אתם קרויין אדם".

און וויבאלד אז דער אל"ף פון ויקרא איז אן אל"ף זעירא איז דאס פארבונדן (צווישן אלע אידן) במיוחד מיט קליינע קינדער.

לא. דערפון האט מען די הוראה בפועל:

אזוי ווי מ'שטייט אין די טעג נאך פורים, און אויך אין די טעג פון חודש ניסן, וואס איז במיוחד פארבונדן מיט חג הפסח -

דארף מען זיך ספעציעל משתדל זיין צו מעורר זיין קטנים און קטנות אז זיי זאלן פרעגן פארוואס דער אל"ף פון ויקרא איז אן אל"ף זעירא,

וואס דאס איז אויך כולל די שאלה "מה נשתנה" דער אות פון אלע אנדערע אותיות, ווארום ער ווייסט אז אין תורה זיינען דא אותיות רברבין, אותיות בינונין און אותיות זעירין, און בכללות איז די תורה געשריבן געווארן מיט אותיות בינונין, משא"כ תיבת ויקרא איז געשריבן מיט אן אל"ף זעירא.

- און -

---

153) ראה רמב"ם הל' מכירה פכ"ט ה"ו. טושו"ע חו"מ ר"ס רלה. 154) ל"ה וס' הליקוטים להאריז"ל לתהלים לב.

און די שאלה "מה נשתנה" אז ויקרא איז געשריבן מיט אן אל"ף זעירא - איז אויך כולל די כללות השאלה וואס דער קינד פרעגט בא גדולים:

וויבאלד אז מ'וויל אז ער זאל לערנען תורה און מקיים זיין מצוות כדבעי, האט מען אים געדארפט באשאפן גלייך א גדול, בדוגמא ווי אדה"ר איז באשאפן געווארן א בן כ' שנה[155] - איז פארוואס האט מען אים באשאפן א קטן, "זעירא"?!

און די שאלה פועל'ט אן התעוררות בא דעם גדול, און ער ענטפערט אים, אז "יבואו טהורין (דוקא) ויתעסקו בטהורים": דער קינד האט אין זיין לימוד ההורה און קיום המצוות א מעלה וואס איז ניטא בא די גרעסטע גדולים - אז ביי אים איז א "הבל שאין בו חטא",

און דערפאר זאגט מען אים, אויב ער וועט נאר טאן אין ענינים פון הומ"צ ווי ער שטייט אלס א קטן - וועט ער דער- גרייכן צו א דרגא וואס קיין גדול קען דארטן ניט צוקומען!

וואס דערפאר געפינט מען אז דער בעש"ט האט זיך משתדל געווען בנוגע צו קטנים נאך איידער ער איז נתגלה געווארן צו די גדולים,

ועד"ז האט דער רבי נ"ע געזאגט: "אט אזוי ווי הנחת תפילין בכל יום איז א מצוה דאורייתא . . אזוי איז א חוב גמור אויף יעדן אידן צו טראכטן יעדן טאג א האלבע שעה וועגן דעם חינוך פון קינדער".

ביז אז דורך דעם וואס דער קטן פרעגט די שאלה פון "מה נשתנה" בא די גדולים - פועל'ט דאס אן עילוי גדול בא די גדולים, ביז עס קומט ביי אים צו א פירוש עמוק יותר און א חידוש אין "עבדים היינו", און דערנאך - אין דער גאנצער הגדה, און אין דעם גאנצן סדר, ביז אין דעם גאנצן פסח, ביז אין דעם "לשנה הבאה בירושלים".

מען דארף אבער ניטווארטן ב'יז חג הפסח שנה זו - ווארום וויבאלד אז "בניסן נגאלו בניסן עתידין ליגאל"[156], ווערט דער "לשנה הבאה בירושלים" גלייך בהתחלת חודש ניסן זה,

און במילא[157] פראוועט מען דעמולט חג הפסח תש"מ אין דעם ביהמ"ק השלישי, און מ'איז דארטן מקריב דעם קרבן פסח כפשוטו,

למטה מעשרה טפחים ובעגלא דידן.

* * *

- לב. -

---

155) ב"ר פי"ד, ז. 156) ר"ה יא, רע"א. 157) ראה גם סה"ש תש"ה ע' 83.